# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................7:48
מוצאי שב"ק.....................9:18

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.......דברי הימים-ב' ל"א-ל"ב
בבלי......................כתובות ל"א
ירושלמי..............סנהדרין כ"ט
תוספתא.....................עוקצין ג'
רמב"ם.........גזילה ואבידה י"א


פרשת דברים, שבת חזון, ט' אב, שנת תשפ"ב לפ"ק — שנה 11, גליון 49 (564)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

אֵלֶּה הַדְּבָרִים אֲשֶׁר דִּבֶּר מֹשֶׁה אֶל כָּל יִשְׂרָאֵל בְּעֵבֶר הַיַּרְדֵּן בַּמִּדְבָּר בָּעֲרָבָה מוֹל סוּף. זָאגְט רַשִׁ"י, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט אוֹיסְגֶערֶעכְנְט אַלֶע פְּלֶעצֶער וואו דִי אִידְן הָאבְּן גֶעזִינְדִיגְט קֶעגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט אָבֶּער עֶס נָאר דֶערְמַאנְט בְּרֶמֶז, וֶועגְן דִי כָּבוֹד פוּן דִי אִידְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן א') אַז מֶען קֶען נִישְׁט דַן זַיין קַיין שׁוּם אִיד, וִוי דִי מִשְׁנָה זָאגְט (אָבוֹת ב, ד) **אַל תָּדִין אֶת חֲבֵרְךָ עַד שֶׁתַּגִּיעַ לִמְקוֹמוֹ**, מֶען קֶען נִישְׁט דַן זַיין קֵיינֶעם וִוי לַאנְג מֶען אִיז נִישְׁט אוֹיף יֶענֶעמְ'ס פְּלַאץ. אוּן וֶוער קֶען דֶען זַיין אוֹיף אַ צְוֵוייטְנְ'ס פְּלַאץ? נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, וָואס יֶעדֶער הָאט אַ פְּלַאץ בַּיי אִים, עֶר אִיז דֶער מְקוֹמוֹ שֶׁל עוֹלָם (בְּרֵאשִׁית רַבָּה, פַּרְשָׁה פ"ח, ט') אוּן עֶר אִיז זִיכֶער מְקַיֵּים דֶעם הֱוֵי דָן אֶת כָּל אָדָם לְכַף זְכוּת (אָבוֹת א, ו).

מֶען קֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט וִויסְן צִי דִי פְּלַאץ אוּן דִי סִיבּוֹת אַרוּם דֶעם מֶענְטְשׁ הָאבְּן אִים גֶעמַאכְט טוּן שְׁלֶעכְטְס, אוּן דֶערְפַאר קֶען מֶען קֵיינֶעם נִישְׁט דַן זַיין, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין, וָואס עֶר וֵוייסְט אַלֶע סִיבּוֹת אַרוּם יֶעדֶע זַאךְ.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, וֶוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעוָואלְט אוֹיסְרֶעכֶענֶען דִי עֲבֵירוֹת פוּן דִי אִידְן הָאט עֶר דֶערְמַאנְט נָאר דִי פְּלֶעצֶער, צוּ וַוייזְן אַז דִי פְּלֶעצֶער הָאבְּן גֶעמַאכְט דִי אִידְן זָאלְן זִינְדִיגְן, אָבֶּער בֶּאֱמֶת זֶענֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער וואוּיל אוּן ווילְן נִישְׁט טוּן קַיין שְׁלֶעכְטְס.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ח') אַז מְ'דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן וֶוען מְ'גֶעבְּט מוּסָר פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער, אוֹיבּ אַ מַנְהִיג יִשְׂרָאֵל וִויל זָאגְן מוּסָר פַאר אִידְן, מוּז עֶס זַיין נָאר אַזוֹי וִוי מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעזָאגְט מוּסָר, וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת פ"ח:) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (שִׁיר הַשִּׁירִים א', י"ב) נִרְדִּי נָתַן רֵיחוֹ, הִסְרִיחַ לֹא נֶאֱמַר אֶלָּא נָתַן, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעמַאכְט אַ גוּטֶע גֶערוּךְ פַאר דִי אִידְן, עֶר הָאט זֵיי נִישְׁט פַארְשֶׁעמְט אוּן אַרָאפְּגֶעקְלַאפְּט, נָאר עֶר הָאט זֵיי גֶעזָאגְט "עֲדַיִין חֲבִיבוּתָא הוּא גַּבָּן", **דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַייךְ נָאכְאַלְץ לִיבּ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נָאכְאַלְץ מִיט אַייךְ**, אוּן דָאס הָאט גֶעמַאכְט אַז אַלֶע אִידְן זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּן.

סְתַּם אָנְצוּשְׁרֵייעֶן אַ מֶענְטְשׁ אוּן אִים פָארְהַאלְטְן פַארְוָואס עֶר הָאט גֶעטוּן דָאס אוּן יֶענְץ, אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד, דָאס וֶועט נָאר מַאכְן חֲלִישׁוּת הַדַּעַת פַארְ'ן מֶענְטְשׁ, אוּן עֶר קֶען פוּן דֶעם נָאךְ מֶער אַרָאפְּפַאלְן, זִיךְ נָאךְ מֶער דֶערְוַוייטֶערְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַ מַנְהִיג יִשְׂרָאֵל דַארְף זִיךְ אוּמְגֵיין מִיט רַחֲמָנוּת מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער, וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ז') אוֹיפְ'ן פָּסוּק (יְשַׁעְיָה מ"ט, י') כִּי מְרַחֲמָם יְנַהֲגֵם, אֵיינֶער וָואס הָאט רַחֲמָנוּת אוֹיף אִידְן, עֶר קֶען זֵיי פִירְן אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג.

אַ צַדִּיק זָאגְט מוּסָר פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער וָואס זֵיי דַארְפְן צוּ טוּן, עֶר זָאגְט עֶס אָבֶּער מִיט רַחֲמָנוּת אוּן לִיבְשַׁאפְט, מִיט אַ וֶועג וָואס זֵיי קֶענֶען פָאלְגְן אוּן נָאכְמַאכְן, עֶר וַוייזְט זֵיי אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוארְט אוֹיף זֵיי, אוּן עֶר וֶועט זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט יֶעדֶע גוּטֶע זַאךְ וָואס זֵיי טוּעֶן.

(זֹאת הַתּוֹרָה דְבָרִים ג)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### שַׁבָּת חֲזוֹן - תִּשְׁעָה בְּאָב

דֶער שַׁבָּת פַאר תִּשְׁעָה בְּאָב וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "שַׁבָּת חֲזוֹן". אִין סֵפֶר 'שַׁעַר הַמֶּלֶךְ' וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אַז "חֲזוֹן" אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת חַ'צִי זַ'עַם וְ'חַצִי נֶ'חָמָה. דָאס מֵיינְט אַז אֲפִילוּ פוּן אֵיין זַייט אִיז עֶס טַאקֶע אַ טְרוֹיעֶרִיגֶע צַייט, מֶען טְרוֹיעֶרְט אוֹיפְ'ן חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אִיז אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אוֹיךְ דָא אַ נֶחָמָה, אַ טְרֵייסְט, אַז דִי טֶעג וֶועלְן נָאךְ וֶוערְן אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט צוּ פְרֵיילִיכֶע טֶעג. וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען בְּקָרוֹב, וֶועלְן דִי טֶעג וֶוערְן אַ יוֹם טוֹב.

חַזַ"ל דֶערְצֵיילְן (מַכּוֹת כ"ד) אַז וֶוען דִי חֲכָמִים הָאבְּן גֶעזֶען דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע חוּרְבָּן אוֹיפְ'ן הַר הַבַּיִת הָאבְּן זֵיי גֶעוֵויינְט אוּן גֶעקְלָאגְט. רֶבִּי עֲקִיבָא - וָואס אִיז אוֹיךְ דָארְט גֶעוֶוען - הָאט אָבֶּער גֶעלַאכְט. הָאבְּן אִים דִי חֲכָמִים גֶעפְרֶעגְט: "פַארְוָואס לַאכְסְטוּ?", הָאט רֶבִּי עֲקִיבָא גֶעזָאגְט: "אַזוֹי וִוי אִיךְ זֶע אַז דִי עֶרְשְׁטֶע חֵלֶק פוּן דִי נְבוּאָה אִיז אַזוֹי שְׁטַארְק מְקוּיָם גֶעוָוארְן, אַז דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז חָרוּב גֶעוָוארְן, גְלֵייבּ אִיךְ אַז דִי צְוֵוייטֶע הֶעלְפְט נְבוּאָה וֶועט אוֹיךְ מְקוּיָם וֶוערְן, אַז מִיר וֶועלְן נָאךְ אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן פוּן גָלוּת, אוּן דִי אִידְן וֶועלְן נָאךְ אוֹיפְגֶערָאכְטְן וֶוערְן".

דִי צַדִּיקִים קוּקְן אוֹיף דִי פְּנִימִיּוּת פוּן יֶעדֶע זַאךְ, אֲפִילוּ יֶעצְט זֶעט אַלֶעס אוֹיס אַזוֹי שְׁוֶוער אוּן בִּיטֶער, וֶועלְן דִי טֶעג אָבֶּער צוּם סוֹף אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט וֶוערְן צוּ יָמִים טוֹבִים, אוּן מִיר וֶועלְן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז הֶעלְפְן.

דֶערְפַאר וֶוערְט גֶעפַּסְקְ'נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן תקנ"ב) אַז מֶען זָאגְט נִישְׁט קַיין תַּחֲנוּן תִּשְׁעָה בְּאָב

<<<<<<

## א גוט ווארט

דֶערְצֵייל נִישְׁט פַאר קֵיינֶעם דַיינֶע עֲבֵירוֹת, נָאר פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַז דֶער מַשְׁגִּיחַ בַּיי עֶנְק אִין יְשִׁיבָה זָאגְט דִיר דוּ זָאלְסְט שְׁרַייבְּן דַיינֶע עֲבֵירוֹת, זָאלְסְטוּ אִים זָאגְן: מַיינֶע עֲבֵירוֹת דֶערְצֵייל אִיךְ נָאר פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּרָכוֹת לד:): "חָצִיף עָלַי מַאן דִּמְפָרֵשׁ חֶטְאֵיהּ", עֶס אִיז אַ חוּצְפָּה צוּ דֶערְצֵיילְן עֲבֵירוֹת; נָאר דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְטוּ דֶערְצֵיילְן.

דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ לֶעבְּן, הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִילָּה אוּן זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; וואוּיל אִיז דֶעם וָואס לֶעבְּט מִיט דִי וֶועג.

בְּנוֹגֵעַ אַז מֶען וִויל דִיר לֵייגְן אוֹיף רִיטֶעלִין וְכוּ'; אוֹיבּ דֶער מַשְׁגִּיחַ זָאגְט אַז יֶעדֶער אֵיינֶער נֶעמְט רִיטֶעלִין, אִיז אַ גוּטֶע עֵצָה עֶר זָאל נֶעמֶען פַאר זִיךְ, אוֹיךְ זָאל עֶר גֶעבְּן פַאר זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, וִוייבַּאלְד יֶעדֶער אֵיינֶער נֶעמְט סַיי וִוי... דוּ דַארְפְסְט נִישְׁט, דוּ בִּיסְט גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק.

נֶעם אַיין דֶעם רֶבִּינְ'ס מֶעדֶעצִין; נֶעם אַ מִשְׁנַיּוֹת אוּן זַיי גוֹרֵס ח"י פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת. טוּ דָאס יֶעדְן טָאג - וֶועסְטוּ וֶוערְן מְיוּשָּׁב, דוּ וֶועסְט זַיין רוּאִיג אוּן פְרֵיילִיךְ.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פִּנְחָס תשפ"ב)

וַוייל תִּשְׁעָה בְּאָב וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "מוֹעֵד" - אַ יוֹם טוֹב. שְׁטֶעלְט זִיךְ אַ פְּרַאגֶע, אִיז עֶס דֶען אַ יוֹם טוֹב? פּוּנְקְט פַּארְקֶערְט, מֶען טְרוֹיעֶרְט דָאךְ אִין תִּשְׁעָה בְּאָב, מֶען טוּט אַלֶע הֲלָכוֹת פוּן אֲבֵילוּת אִין תִּשְׁעָה בְּאָב, וִוי אַזוֹי קֶען מֶען עֶס אָנְרוּפְן אַ יוֹם טוֹב?

נָאר דֶער אֱמֶת אִיז אַז בִּפְנִימִיּוּת זֶענֶען דִי טֶעג פְרֵיילִיכֶע טֶעג, וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט מֶען לֵיינֶען דִי מְגִילַת אֵיכָה מִיט אַ נִיגוּן פְרֵיילִיכֶערְהֵייט, אַזוֹי וִוי מֶען לֵיינְט פּוּרִים דִי מְגִילַת אֶסְתֵּר פְרֵיילִיכֶערְהֵייט. אוּן אֲפִילוּ יֶעצְט זֶענֶען מִיר נָאךְ אִין גָלוּת, אוּן מֶען דַארְף טְרוֹיעֶרְן אוּן זִיךְ פִירְן מִיט אֲבֵילוּת, טָאר מֶען אָבֶער נִישְׁט מֵסִיחַ דַעַת זַיין פוּן דִי גְאוּלָה הָעֲתִידָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז נָאךְ אוֹיסְלֵייזְן בְּקָרוֹב.

בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פִירְט מֶען זִיךְ צוּ לֵיינֶען דִי מְגִילַת אֵיכָה אוֹיךְ בַּייטָאג. וַוייל וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט מֶען דָאךְ לֵיינֶען דִי מְגִילַת אֵיכָה מִיט אַ פְרֵיילִיכְן נִיגוּן מִיט אַ "שֶׁהֶחֱיָינוּ" אַז מִיר הָאבְּן זִיךְ גֶעקֶענְט דֶערְהַאלְטְן אִין אַזַא שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע גָלוּת, אוּן מֶען וֶועט עֶס אַוַדְאַי לֵיינֶען סַיי בַּיינַאכְט אוּן סַיי בַּייטָאג אַזוֹי וִוי דִי מְגִילַת אֶסְתֵּר, דֶערְפַאר לֵיינְט מֶען עֶס אוֹיךְ הַיינְט סַיי בַּיינַאכְט אוּן סַיי בַּייטָאג.

עֶס גֵייט אַזוֹי וַוייט אַז עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען צַדִיקִים אוּן יְחִידֵי סְגוּלָה וָואס אִין מוֹצָאֵי שַׁבָּת חֲזוֹן הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעזָאגְט "וְאַתָּה קָדוֹשׁ", אַזוֹי וִוי מֶען פִירְט זִיךְ אַז וֶוען עֶס גֶעפַאלְט אַ יוֹם טוֹב אִינְמִיטְן דִי וָואךְ זָאגְט מֶען נִישְׁט "וְאַתָּה קָדוֹשׁ". וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אַזַא שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז זִיכֶער אוֹיסְלֵייזְן פוּן גָלוּת, אוּן דֶעמָאלְט וֶועט דָאךְ תִּשְׁעָה בְּאָב זַיין אַ יוֹם טוֹב. אָבֶער וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען תִּשְׁעָה בְּאָב בַּיינַאכְט אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען אַז מֶען אִיז לֵיידֶער נָאכְנִישְׁט אוֹיסְגֶעלֵייזְט גֶעוָוארְן, הָאבְּן זֵיי דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט "וְאַתָּה קָדוֹשׁ", צוּ מַשְׁלִים זַיין דָאס וָואס מֶען הָאט אוֹיסְגֶעלָאזְט מוֹצָאֵי שַׁבָּת.

## דִי אֵייגֶענֶע חוּרְבָּן

וֶוען מֶען זָאגְט מְגִילַת אֵיכָה דַארְף מֶען אוֹיסְטַייטְשְׁן דִי פְּסוּקִים אוֹיף זִיךְ אַלֵיין. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ק"א) אַז וֶוען מֶען זָאגְט תְּהִלִים, תְּחִינוֹת, אָדֶער תִּיקוּן חֲצוֹת זָאל מֶען אוֹיסְטַייטְשְׁן אַלֶע פְּסוּקִים אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, דִי אַלֶע מִלְחָמוֹת וָואס שְׁטֵייט אִין תְּהִלִים, דִי אַלֶע שׂוֹנְאִים וָואס דָוִד הַמֶּלֶךְ רֶעדְט זִיךְ אָפּ וֶועגְן זֵיי אִין תְּהִלִים, דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע מִלְחָמוֹת וָואס יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט מִיט זַיין יֵצֶר הָרַע, וָואס עֶר אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער פַיינְט פוּן אַ מֶענְטְשׁ, עֶר ווִיל נָאר הַרְגֶ'ענֶען דֶעם מֶענְטְשׁ בְּרוּחֲנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת, אוּן אוֹיף דֶעם בֶּעט מֶען אִין תְּהִלִים אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז רַאטֶעוֶוען פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע אוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט מְגִילַת אֵיכָה. מֶען דַארְף בְּעִיקָר טְרוֹיעֶרְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע חוּרְבָּן אַז מֶען הָאט נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, וָואס דוּרְךְ דֶעם הַאלְט מֶען צוּרִיק דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ פוּן וֶוערְן אוֹיפְגֶעבּוֹיעֶט, יֶעדֶער אִיד דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז פוּן זַיין זַייט זָאל עֶר נִישְׁט שְׁטֶערְן דָאס אוֹיפְבּוֹי פוּנֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אַז זַיינֶע מַעֲשִׂים זָאלְן נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן דִי גְאוּלָה אוּן דֶעם בִּנְיָן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ בִּמְהֵרָה.

## קִידוּשׁ לְבָנָה

מוֹצָאֵי תִּשְׁעָה בְּאָב פִירְט מֶען זִיךְ אַז מֶען אִיז מְקַדֵשׁ דִי לְבָנָה. דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ שְׁרַייבְּט אוֹיף דֶעם (פְּרִי עֵץ חַיִּים, אַחַר סוֹד כַּוָּנַת ת"ב) אַז דָאס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ מְקַדֵשׁ זַיין דִי לְבָנָה מוֹצָאֵי תִּשְׁעָה בְּאָב.

דֶער עִנְיָן דֶערְפוּן אִיז, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט בַּיי דִי לְבָנָה אַז דַוְקָא וֶוען זִי וֶוערְט שׁוֹין זֵייעֶר קְלֵיין בִּיז מֶען זֶעט עֶס שׁוֹין אִינְגַאנְצְן נִישְׁט, דַוְקָא דֶעמָאלְט טוּט זִי זִיךְ בַּאנֵייעֶן, אוּן הֵייבְּט אָן צוּ וֶוערְן צוּרִיק גְרֶעסֶער.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ יֶעצְט, דַוְקָא נָאךְ תִּשְׁעָה בְּאָב וֶוען מֶען הָאט אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעטְרוֹיעֶרְט אוֹיפְן חוּרְבָּן, דֶעמָאלְט אִיז דִי צַייט זִיךְ צוּרִיק אוֹיפְצוּהֵייבְּן אוּן אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ. אוּן דֶערְפַאר אִיז מוֹצָאֵי תִּשְׁעָה בְּאָב דִי פַּאסִיגְסְטֶע צַייט צוּ מְחַדֵשׁ זַיין דִי לְבָנָה.

אִין דִי פּוֹסְקִים וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט, אַז פַאר מֶען אִיז מְחַדֵשׁ דִי לְבָנָה זָאל מֶען קוֹדֶם אוֹיסְפַּאסְטְן, עֶסְן עֶפֶּעס, אוּן אָנְטוּן צוּרִיק דִי שִׁיךְ, אוּן וֶוער עֶס קֶען גֵייט אוֹיךְ אִין מִקְוֶה, אוּן דֶערְנָאךְ אִיז מֶען מְחַדֵשׁ דִי לְבָנָה פְרֵיילִיכֶערְהֵייט, אוּן מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל אוּנְז שׁוֹין אוֹיסְלֵייזְן פוּן גָלוּת, וָואס דֶעמָאלְט וֶועט זַיין וְהָיָה אוֹר הַלְּבָנָה כְּאוֹר הַחַמָּה, דִי לְבָנָה וֶועט שַׁיינֶען אַזוֹי וִוי דִי זוּן, בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן. (שִׂיחוֹת מוֹהֲרַא"ש חֵלֶק א' וְחֵלֶק י' עֶרֶךְ תִּשְׁעָה בְּאָב, וְחֵלֶק ט"ז עֶרֶךְ בֵּין הַמְּצָרִים)



אדער חס ושלום נישט, זענען ברסלב'ע חסידים זיך קיינמאל נישט מייאש, מען בעט דעם אייבערשטן נאכאמאל און נאכאמאל אז מיר זאלן זוכה זיין אויך דאס יאר צו זיין ביים הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה, אזוי ווי ער האט געבעטן און פארלאנגט פון אונז, און מיט תפלה וועלן מיר זיכער פועל'ן צו פארן בשלום און צוריק קומען בשלום, און פועל'ן אלעס גוטס ברוחניות ובגשמיות.

אין די יעצטיגע טעג הויבט מען שוין אן פארדינגען זיצן אין בית המדרש היכל הקודש אין אומאן. דער בית המדרש וועט אי"ה זיין אפן פאר יעדן איינעם, אפילו פאר ווער ס'האט נישט געדינגען א בעט אינעם בנין.

מאכט זיכער צו דינגען אייער זיץ ווי פריער, ווי לאנג עס איז דא אן אויסוואל פון גוטע זיצן, צו קענען דאווענען מיט א רואיגקייט און התעוררות, אויסצו'פועל'ן א זיס לעכטיג יאר. מ'קען דינגען א זיץ דורכ'ן רופן 347-404-8738. לאזט א מעסידזש און מ'וועט אייך אי"ה צוריק רופן.

**וכל באי עולם עוברין לפניך כבני מרון!**

***

# הדרן עלך ששה סדרי תוספתא

עס איז גרויס די פרייד ביי אנשי שלומינו אז מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף וועט מען דעם שבת קודש זוכה זיין צו ענדיגן די איין און צוואנציגסטע מחזור פון ששה סדרי תוספתא, און אום זונטאג תשעה באב הויבט מען אן דעם פרישן מחזור אין תוספתא.

שוין פילע צענדליגע יארן וואס ס'איז איינגעפירט ביי אנשי שלומינו צו לערנען יעדן טאג א דף גמרא פון תלמוד בבלי און א דף פון תלמוד ירושלמי, אזוי ווי עס איז געדרוקט אין די לוח ברסלב. אין יאר תשנ"ח לפ"ק, אינעם יום טוב שבועות, דער טאג וואס מיר זענען מקבל די תורה פון דאסניי, האט מוהרא"ש צוגעלייגט אז מען זאל אויך לערנען יעדן טאג א פרק פון תוספתא, און מיט דעם האט מען א גאנצע "בית", ב'בלי י'רושלמי ת'וספתא.

עס איז מערקווירדיג אז דער נייער מחזור הויבט זיך אן אום תשעה באב, דער לימוד יומי אין ירושלמי לערנט מען נישט אום תשעה באב, ווייל מוהרא"ש האט געזאגט אז אזוי ווי עס איז דא א חשובע קהלה וואס האט איינגעפירט צו לערנען א דף ירושלמי יעדן טאג, זאל מען מיטגיין מיט דעם סדר, און ווי זיי האבן עס אויסגעשטעלט לערנט מען נישט דעם דף ירושלמי אום תשעה באב. כאטש וואס מוהרא"ש האט שוין געשריבן איבער לערנען א דף ירושלמי יעדן טאג, פילע יארן איידער די קהלה האט עס איינגעפירט ביי זיי (ליינט איבער דעם אינעם "קרית ברסלב בלעטל" צייטונג פון די וואך, ביי די בריוו צו רעדאקציע), אבער דער לימוד יומי אין תוספתא וואס מוהרא"ש האט אליין איינגעפירט אין היכל הקודש, לערנט מען אויך אום תשעה באב.

אין א בריוו האט דער ראש ישיבה שליט"א אמאל געשריבן, "בנוגע לערנען שיעורים כסדרן [אום תשעה באב]; מוהרא"ש זכרונו לברכה האט זיך געפירט נאכמיטאג נאך מנחה צו לערנען די שיעורים כסדרן. אזוי אויך האט מוהרא"ש מיר געזאגט אז איך זאל זאגן פאר די בחורים אז מען קען לערנען פון נאך מנחה אלע שיעורים וואס מען לערנט יעדן טאג".

אין אן אנדערע געלעגנהייט האט דער ראש ישיבה שליט"א געשריבן, "בנוגע צי מען קען זאגן ח"י פרקים משניות אום תשעה באב; תשעה באב טאר מען נישט לערנען, אזוי ווערט גע'פסק'עט אין שלחן ערוך (אורח חיים, סימן תקנד, סעיף א) ווייל תורה מאכט פרייליך דעם מענטש, און תשעה באב איז א טאג וואס מיר טרויערן אויפ'ן חורבן בית המקדש, אבער די פוסקים זאגן (עיין נטעי גבריאל סימן עה, סעיף קטן יט) אז נאכמיטאג קען מען לערנען שיעורם כסדרן; דער וואס לערנט יעדן טאג זיינע שיעורים קיבועים, מקרא, משנה, גמרא וכו' וכו', מעג עס לערנען תשעה באב נאכמיטאג. אז מען רעדט שוין פון לערנען משניות תשעה באב, איז כדאי צו דערמאנען וואס דער הייליגער בני יששכר זאגט (חודש תמוז אב - מאמרי חדשי תמוז אב, מאמר ב): "סך כל השעות מן הכ"ב ימים הם תקכ"ח", די שעות פון די דריי וואכן איז סך הכל פינף הונדערט אכט און צוואנציג, "על כן יש במשניות תקכ"ח פרקים מנין מפת"ח", דערפאר איז דא אין ששה סדרי משנה פינף הונדערט אכט און צוואנציג פרקים, "כמנין מפתח הגאלה", ווייל דאס איז דער שליסל מיר זאלן דורכדעם ארויס גיין פון גלות, וואס דאס איז אנטקעגן די פינף הונדערט אכט און צוואנציג שעה פון די דריי וואכן וואס מיר טרויערן אויפן חורבן בית המקדש. אזוי ווי חכמינו זכרונם לברכה זאגן (ויקרא רבה ז, ג): "אין הגליות מתכנסות אלא בזכות המשניות", משיח וועט קומען נאר אינעם זכות פון די וואס לערנען משניות, "וכשמדברין ושונין במו פינו התורה שבעל פה, אזי נפתח הסתום", ווען מען חזר'ט משניות וועט געעפנט ווערן די פארמאכטקייט פון אונזער גלות, אזוי ווי עס שטייט (הושע ח, י): "'גם כי יתנו בגוים עתה אקבצם', לשון מתניתין", יתנו איז א לשון פון משניות, אז מען וועט לערנען משניות אין גלות, "עתה אקבצם", וועט אונז דער אייבערשטער אויסלייזן; זעט מען דאס גרויסקייט פון לערנען משניות, בפרט יעצט אין די טעג וואס מיר טרויערן אויפן חורבן בית המקדש, און דאס וועט ברענגען די גאולה.

מען זעט אז בגשמיות זוכט יעדער צו האבן א שיינע געשמאקע גרויסע הויז פאר זיך און פאר די משפחה מיט ישוב הדעת, און אזוי זאגן חז"ל (סוכה נ"ז:) אז א דירה נאה איז איינס פון די זאכן וואס זענען מרחיבין דעתו של אדם. און אויב אזוי דארף דאך א מענטש זיכער זוכן אז ער זאל האבן א שיינע גוטע הויז אויך אויף יענע וועלט, וואס דאס בלייבט אויף אייביג, און מיט דעם וואס מען לערנט יעדן טאג ב'בלי י'רושלמי און ת'וספתא, וואס איז די ראשי תיבות "בית", און מען גייט עס איבער איין מאל און נאכאמאל, מיט דעם בויעט מען זיך אויף א שיינע הערליכע געשמאקע הויז אויף יענע

<<<<<<

<<<<<< נייעס

וועלט, וואס דאס בלייבט פארן מענטש אויף אייביג.

מען זעט ליידער מענטשן וואס עס קען זיי דורכגיין די גאנצע זיבעציג יאר און זיי האבן נישט זוכה געווען אפילו איין מאל אדורך צו גיין און ענדיגן בבלי ירושלמי און תוספתא, און זיי גייען אוועק פון די וועלט אן קיין תורה, און עס איז א גרויס רחמנות אויף זייערע נשמות. דעריבער דארף מען האבן שכל און זען ארייונצוכאפן צו לערנען יעדן טאג כאטש א דף בבלי, א דף ירושלמי און א פרק תוספתא, און מיט גרייט מען זיך אן גוטע שפעזן מיטצונעמען אויף יענע וועלט.

אויך אויף די וועלט דערציילן פילע אנשי שלומינו אז זיי האבן זיך פארגעומען צו לערנען יעדן טאג בבלי ירושלמי און תוספתא, און דורך דעם האבן זיי זוכה געווען גרינגערהייט צו באקומען שיינע הערליכע גרויסע הייזער מיט הרחבת הדעת.

דער נייער מחזור אין תוספתא ברענגט א פרישע חשק פאר פילע אנשי שלומינו זיך אנצושליסן אין די לימודים. יעדע וואך קומט ארויס דער קונטרס "בי"ת נצחי", אין וואס עס איז ארייגעדרוקט די דריי לימודים פאר די גאנצע וואך, און אזוי קען מען עס גרינגערהייט מיטנעמען וואו מען גייט נאר, און אזוי וועט מען נישט פארפאסן א טאג אן די לימודים.

**גדול יהיה כבוד הבי"ת הזה!**

***

# פרישע מחזור פונעם לימוד יומי אין נ"ך

צוויי טעג נאכ'ן אנהויבן מיט א פרישקייט די טעגליכע לימוד אין תוספתא, הויבט מען אן פון פריש די לימוד יומי אין נ"ך. דעם קומענדיגן דינסטאג ואתחנן הויבט מען אן מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף דעם נייטן מחזור, צו לערנען יעדן טאג צוויי קאפיטלעך אין נ"ך.

דער לימוד האט זיך אנגעהויבן אין ישיבה, פילע אנשי שלומינו האבן זיך קובע געווען צו לערנען יעדן טאג צוויי קאפיטלעך אין נ"ך, און זיי זענען זיך ממש מחי' דערמיט. דער הייליגער רבי האט געזאגט אז נ"ך איז זיין מוסר ספר, ווען מען לערנט נ"ך וועקט מען זיך אויף צוריק צו קומען צום אייבערשטן.

דער ראש ישיבה שליט"א האט פארגעלערנט גאנץ נ"ך, מען קען הערן די שיעורים אויפ'ן "קול ברסלב" טעלעפאן ליניע, זעט די נומערן ביים סוף פונעם גליון. דרוקט 1 פאר אידיש, דערנאך 2 פאר שיעורים פונעם ראש ישיבה, און 8 פאר די שיעורים אין נ"ך.

דער ראש ישיבה שליט"א לערנט פאר די הייליגע קאפיטלעך בטוב טעם ודעת, געשמאק און פשוט, און אלס א באנוס איז דא כמעט נאך יעדע קאפיטל גאר שיינע אייגנארטיגע דברי התחזקות. פילע אידן וואס האבן אויסגעהערט די שיעורים זאגן אז דאס האט זיי גאר שטארק ארויסגעהאלפן, זיי האבן זיך ממש מחי' געווען מיט די שיעורים, איינער פון אנשי שלומינו וואס איז אריבער גאר א שווערע דורכגאנג האט דערציילט אז דוקא די שיעורים אין נ"ך האבן אים ממש דערהאלטן ביים לעבן צו קענען ווייטער אנגיין.

לאמיר זיך אויפפרישן און אנהויבן לערנען די הייליגע תורה יעדן טאג, דאס איז דאך די גאנצע חיות פון א איד, דאס געבט עסן פאר די נשמה, מען באקומט א סיפוק אין לעבן.

דער הייליגער רבי האט אונז געגעבן א סדר דרך הלימוד (שיחות הר"ן סימן ע"ו), א וועג ווי אזוי יעדער איד אן אויסנאם קען זוכה זיין צו לערנען תורה יעדן טאג, דער רבי זאגט אז עס איז גענוג בלויז צו זאגן די ווערטער פון תורה, אפילו מען פארשטייט נישט וואס מען זאגט און מען געדענקט נישט וואס מען לערנט.

קיינער קען זיך נישט ארויסדרייען, ווער עס האט א מויל מיט ציינער קען זיך מאכן שיעורים יעדן טאג אין די הייליגע תורה, מען דארף נישט קיין חברותא, מען דארף נישט קיין מגיד שיעור, און מען דארף אפילו נישט צופיל איבריג צייט. לאמיר ארויסכאפן יעדן טאג אביסל תורה, מען דארף עס נאר אמאל פארזוכן און שפירן דעם געוואלדיגן געשמאק וואס דאס ברענגט אין לעבן אפילו אויף די וועלט, שוין אפגערעדט די גרויסע שכר וואס ווארט אונז אפ פאר יעדע ווארט תורה אויף יענע וועלט.

**מתוקים מדבש ונופת צופים!**

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

# פַּארְוָואס נֶעמְט אִיר זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק אָן פַאר עֶלְטֶערְן?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

קוֹדֶם הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט זִיךְ בַּאדַאנְקֶען פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן חִיזוּק, דָאס אַז אִיךְ הָאבּ שָׁלוֹם בַּיִת אִיז נָאר בִּזְכוּת דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה, אִיךְ אוּן מַיין וַוייבּ מִיט דִי קִינְדֶער לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; דָאס אַז אִיךְ מַאךְ אוֹיף אַ אִידִישׁ סֵפֶר יֶעדְן טָאג, אִיךְ בִּין מַעֲבִיר סֶדְרָה מִיט רַשִׁ"י, חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, עֶטְלִיכֶע דַפִּים גְמָרָא, אִיז נָאר בִּזְכוּת דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה; אַלְס בָּחוּר פְלֶעג אִיךְ לֶערְנֶען גַאנְצֶע נֶעכְט אָבֶּער נָאךְ מַיין חֲתוּנָה הָאבּ אִיךְ מַמָשׁ נִישְׁט אוֹיפְגֶעמַאכְט קַיין סֵפֶר; אוּן אַזוֹי וַוייטֶער קֶען אִיךְ אוֹיסְרֶעכֶענֶען פִילֶע זַאכְן וָואס מַיין לֶעבְּן אִיז גוּט גֶעוָוארְן בִּזְכוּת דִי שִׁיעוּרִים.

אוּן יֶעצְט צוּ מַיין שְׁאֵלָה, אִיךְ הֶער דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה'ס שַׁארְפֶע שִׁיעוּרִים אִיבֶּער כִּיבּוּד אָב וָאֵם, אוּן אִיךְ טְרַאכְט צוּ זִיךְ אַז אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואלְט מִיטְגֶעמַאכְט מִיט זַיין טַאטֶע דָאס וָואס אִיךְ הָאבּ מִיטְגֶעמַאכְט אִינְדֶערְהֵיים, וָואלְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה עֶנְדֶערְשׁ מֶער מְחַזֵק גֶעוֶוען דִי בָּחוּרִים וָואס לַיידְן פוּן זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואלְט אַנְשְׁטָאט דֶעם גֶעגֶעבְּן דִי שַׁארְפֶע שִׁיעוּרִים פַאר דִי טַאטֶעס.

יָארְן לַאנְג פְלֶעג אִיךְ זִיצְן כִּמְעַט בַּיי יֶעדֶע שַׁבָּת'דִיגֶע סְעוּדָה אִין מַיין שְׁלָאפְצִימֶער אִין דָארְט וֵויינֶען, וַוייל מַיינֶע עֶלְטֶערְן פְלֶעגְן מִיךְ רַצְח'נֶען, שְׁלָאגְן, אוּן פַארְשֶׁעמֶען. אִיךְ פְלֶעג זִיךְ עֶפֶּעס אַמְפֶּערְן מִיט מַיין בְּרוּדֶער, אוּן זֵיי הָאבְּן נָאר מִיךְ אָנְגֶע'הַרְגְ'ט דִי בֵּיינֶער אוּן זֵיי הָאבְּן אִים פָּשׁוּט מֶער לִיבּ גֶעהַאט פוּן אִיךְ.

אִיךְ פְלֶעג הָאבְּן אַ בַּאזוּנְדֶערֶע הֲנָאָה אוֹיסְצוּטוּן מַיין קַאפְּל, וַוייל אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוָואלְט הָאבְּן שַׁיְיכוּת מִיט עֶפֶּעס וָואס הָאט שַׁיְיכוּת מִיט מַיינֶע עֶלְטֶערְן.

הַיינְט פִיר אִיךְ זִיךְ אוֹיף מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ צוּ מַיינֶע עֶלְטֶערְן, נָאר אַ דַאנְק דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה'ס חִיזוּק אוֹיף דֶעם, אָבֶּער בְּעֶצֶם פִיל אִיךְ אֶפְשָׁר וָואלְט אִיךְ זֵיי גֶעדַארְפְט פָארְהַאלְטְן אַז אִיךְ בִּין גֶעבְּלִיבְּן אַ בַּעַל מוּם בְּנֶפֶשׁ בִּיז'ן הַיינְטִיגְן טָאג אוּן אִיךְ לַייד פוּן דֶעם צוּלִיבּ זֵייעֶר אַכְזָרִיוּת, אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מַסְבִּיר גֶעוֶוען בַּיים הֶסְפֵּד אוֹיף לֵייבִּי קְלֶעצְקִי ע"ה אַז וֶוען מֶען צֶעבְּרֶעכְט אוּן רַצְח'ט אַ קִינְד בְּלַייבְּט עֶר אַ בַּעַל מוּם בְּנֶפֶשׁ אוּן אָפְּגֶע'שָׁחְטְ'ן פַאר זַיין גַאנְץ לֶעבְּן. אוֹיךְ פְלֶעג אִיךְ זוּכְן צוּ בַּאקוּמֶען לִיבְּשַׁאפְט פוּן אַנְדֶערֶע קִינְדֶער אוֹיף נִישְׁט גֶעזוּנְטֶע וֶועגְן, וַוייל אִיךְ הָאבּ נִישְׁט בַּאקוּמֶען קַיין שׁוּם לִיבְּשַׁאפְט אִינְדֶערְהֵיים.

דָאס אַז אִיךְ בִּין הַיינְט נָאךְ בַּיים זִינֶען, דָאס וָואס אִיךְ בִּין נָאךְ הַיינְט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז נָאר וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוֹיף מִיר רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוּן מִיר גֶעשִׁיקְט אַ קַארְטְל מִיט דִי נוּמֶער פוּנֶעם "קוֹל בְּרֶסְלֶב" טֶעלֶעפָאן לֵיין, אוּן אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן הֶערְן שִׁיעוּרִים פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה, וָואס נָאר דָאס הָאט מִיר גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף דִי פִּיס.

חֲזַ"ל זָאגְן אִין מַסֶכֶת קִידוּשִׁין אַז אַ טַאטֶע וָואס טוּט פַארְשִׁידֶענֶע זַאכְן צוּם קִינְד, אִיז עוֹבֵר אוֹיף לִפְנֵי עִוֵּר לֹא תִתֵּן מִכְשֹׁל, וַוייל דֶער טַאטֶע מִיט זַיין אַכְזָרִיוּת אוּן שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת צְווִינְגְט דָאס קִינְד צוּ זַיין אַ מְחוּצָף קֶעגְן אִים.

פַּארְוָואס אִיז דָאס קִינְד אַן אוֹיסְוואוּרְף וֶוען עֶר פְּרוּבִּירְט צוּרִיק צוּ עֶנְטְפֶערְן זַיינֶע עֶלְטֶערְן? אֶפְשָׁר בַּיי דֶעם גֵייט אָן הַבָּא לְהָרְגֶךָ הַשְׁכֵּם לְהָרְגוֹ?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ג' פַּרְשַׁת פִּנְחָס, כ' תַּמוּז, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

דוּ פְרֶעגְסְט פַּארְוָואס אִיז דָאס קִינְד אַן אוֹיסְוואוּרְף וֶוען עֶר עֶנְטְפֶערְט צוּרִיק זַיין טַאטֶע? וַוייל דִי תּוֹרָה זָאגְט (שְׁמוֹת כ, יא): "כַּבֵּד אֶת אָבִיךָ וְאֶת אִמֶּךָ", דִי תּוֹרָה זָאגְט (וַיִּקְרָא יט, ג): "אִישׁ אִמּוֹ וְאָבִיו תִּירָאוּ", מֶען דַארְף מוֹרָא הָאבְּן פוּן טַאטֶע אוּן מַאמֶע; מֶען טָאר זֵיי נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן, מֶען דַארְף מוֹרָא הָאבְּן פוּן זֵיי.

אַז מֶען הָאט אַ טַאטֶע מַאמֶע וָואס שְׁרֵייעֶן אוּן פַּייניְגְן – הָאבְּן דִי קִינְדֶער נִישְׁט קַיין רֶעכְט צוּ מְזַלְזֵל זַיין אִין זֵיי; מֶען טָאר נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן פַאר אַ טַאטֶע, זָאל דֶער טַאטֶע שְׁרֵייעֶן, שְׁלָאגְן אוּן שְׁפֵּייעֶן אוֹיפְ'ן קִינְד – טָאר מֶען נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען דֶעם טַאטְן, מֶען דַארְף שְׁוַוייגְן אוּן דָאס אָנְנֶעמֶען.

וֵוייסְטוּ בִּכְלַל אַז עֶס אִיז דָא שֻׁלְחָן עָרוּךְ אוֹיף הִלְכוֹת כִּיבּוּד אָב וָאֵם? לָאמִיר לֶערְנֶען אִינְאֵיינֶעם הִלְכוֹת כִּיבּוּד אָב וָאֵם, דֶער הֵיילִיגֶער שֻׁלְחָן עָרוּךְ פְרֶעגְט (יוֹרֶה דֵעָה סִימָן רמ, סָעִיף ג): "עַד הֵיכָן מוֹרָאָם?" בִּיז וִויפִיל דַארְפְן קִינְדֶער לַיידְן פוּן עֶלְטֶערְן, זֵיי נִישְׁט עֶנְטְפֶערְן אוּן נִישְׁט

<<<<<<

BreslevCenter.com\answers

<<<<<< שו"ת ברסלב

פַארְשֶׁעמֶען? זָאגְט דֶער מְחַבֵּר: "הָיָה הַבֵּן לָבֵשׁ חֲמוּדוֹת" אֲפִילוּ וֶוען דֶער קִינְד גֵייט אָנְגֶעטוּן שֵׁיינֶע קְלֵיידֶער, "וְיוֹשֵׁב בְּרֹאשׁ הַקָּהָל" אוּן עֶר אִיז גָאר דֶער רֹאשׁ הַקָּהָל, "וּבָאוּ אָבִיו וְאִמּוֹ וְקָרְעוּ בְּגָדָיו" אוּן זַיין טַאטֶע אָדֶער מַאמֶע קוּמְט אוּן צֶערַייסְט אִים זַיינֶע שֵׁיינֶע קְלֵיידֶער, "וְהִכּוּהוּ עַל רֹאשׁוֹ" זֵיי שְׁלָאגְן אִים אִין קָאפּ, "וְיָרְקוּ בְּפָנָיו" זֵיי שְׁפֵּייעֶן אוֹיף אִים, "לֹא יַכְלִים אוֹתָם" טָאר מֶען זֵיי נִישְׁט פַארְשֶׁעמֶען, "אֶלָּא יִשְׁתֹּק" מֶען דַארְף שְׁוַוייגְן, "וְיִירָא מִן מֶלֶךְ מַלְכֵי הַמְּלָכִים שֶׁצִּוָּהוּ בְּכָךְ" אוּן מוֹרָא הָאבְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס הָאט אוּנְז גֶעהֵייסְן מוֹרָא הָאבְּן פוּן זֵיי; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֵייסְט אוּנְז מוֹרָא הָאבְּן אֲפִילוּ וֶוען דִי עֶלְטֶערְן פַּיינִיגְן, אֲפִילוּ וֶוען דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען נִישְׁט קַיין גֶעזוּנְטֶע; קִינְדֶער טָארְן נִישְׁט רֶעדְן קֶעגְן עֶלְטֶערְן, זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין.

קֵיינֶער בַּארֶעכְטִיגְט נִישְׁט דִי עֶלְטֶערְן וָואס זֶענֶען אַכְזָרִים צוּ דִי קִינְדֶער, אוּן אוֹיבּ קִינְדֶער הָאבְּן עֶלְטֶערְן וָואס פִירְן זִיךְ אוֹיף מִיט אַכְזָרִיוּת, וָואס גֶעוֶוענְלִיךְ מַאכְט זִיךְ דָאס בַּיי עֶלְטֶערְן וָואס זֶענֶען נִישְׁט גֶעזוּנְט גֵייסְטִישׁ, בַּיי דֶעם זָאגְט אוּנְז דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה פּוּנְקְטְלִיךְ וָואס צוּ טוּן אוּן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, דֶער מְחַבֵּר זָאגְט (שָׁם, סָעִיף י): "מִי שֶׁנִּטְרְפָה דַּעַת אָבִיו אוֹ אִמּוֹ" אוֹיבּ דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען נֶעבֶּעךְ בַּארִירְט גֶעוָוארְן, "מִשְׁתַּדֵּל לִנְהֹג עִמָּהֶם" דַארְפְן דִי קִינְדֶער פְּרוּבִּירְן זֵיי מְכַבֵּד זַיין, "כְּפִי דַּעְתָּם" לוֹיט זֵייעֶר וֶועג, "עַד שֶׁיְּרֻחַם עֲלֵיהֶם" בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט זִיךְ מְרַחֵם זַיין אוֹיף זֵיי, "וְאִם אִי אֶפְשָׁר לוֹ לַעֲמוֹד" אוּן אוֹיבּ אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ צוּ זַיין מִיט זֵיי, "מִפְּנֵי שֶׁנִּשְׁתַּגְּעוּ בְּיוֹתֵר" וַוייל זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר שְׁטַארְק נִישְׁט בַּיים זִינֶען, "יֵלֵךְ לוֹ וִיַנִּיחֵם" זָאלְן דִי קִינְדֶער אַוֶועקְגֵיין פוּן זֵיי, "וִיצַוֶּה לַאֲחֵרִים לְנַהֲגָם כָּרָאוּי" אוּן דִי קִינְדֶער זָאלְן בֶּעטְן אַנְדֶערֶע זָאלְן זֵיי בַּאדִינֶען.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס פִירְט זִיךְ אוֹיף מִיט דֶּרֶךְ אֶרֶץ צוּ דִי עֶלְטֶערְן, וֶועט עֶר עֶסְן דִי פֵּירוֹת, דִי גוּטֶע שְׂכַר – אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פִּנְחָס תשפ"ב)

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

# כלל ישראל באוויינט די פטירה פונעם גרויסן גאון וצדיק מרן רבי יצחק טובי׳ ווייס זצוק"ל, גאב"ד ירושלים

דאס הארץ פון יעדן ערליכן איד האט פארפעלט א קלאפ ווען מען האט געהערט דעם מוצש"ק נאכ'ן זמן די שווערע נייעס וואס איז געקומען פון ארץ הקודש, אז דער גרויסער גאון מרן גאב"ד ירושלים זצוק"ל האט צוריק געגעבן זיין נשמה צום כסא הכבוד דעם פארגאנגענעם שבת קודש אין די פארטאגס שעה'ן, נאכדעם וואס דער רב זצוק"ל איז געווען אין א שווערע מצב די לעצטע וואך צייט.

דער גרויסער גאון איז געבוירן געווארן מיט כמעט 96 יאר צוריק אינמיטן חודש אלול שנת תרפ"ו אין שטעטל פעזינג אין סלאוואקיע, אלס דער יונגסטער זון צו זיין טאטע הרב שלמה ז"ל, א תלמיד פונעם בעל שבט סופר זי"ע. רבי שלמה האט געצויגן זיין חיונה פון א האלץ געשעפט, און האט פארגעלערנט שיעורים אין זיין שטאט.

אין זיינע יונגע יארן האט ער צוליב די גזירת המלכות געמוזט לערנען אינעם שטאטישן שולע ביז די מיטאג שעה'ן, און דערנאך פלעגט ער לערנען מיט א מלמד וואס זיין טאטע האט געדינגען צו לערנען מיט אים.

ווען די שרעקליכע צווייטע וועלט מלחמה האט אויסגעבראכן, האט דער אייבערשטער ברוב רחמיו וחסדיו געפירט אז מען האט באוויזן אים ארויפצוזעצן אויפ'ן "קינדער טראנספארט" מיט וואס ער איז אנגעקומען קיין לאנדאן אליינס אן קיין משפחה אלס אינג בחור'ל פון 13 יאר.

דער ראש ישיבה שליט"א האט ארויסגעברענגט די גרויסקייט פון דעם, מען זעט ווי אידן זענען געבליבן בעירום ובחוסר כל, איינער אליין אויף דער וועלט, אן קיין קרוב וגואל, און פון דעסט וועגן האבן זיי זיך געהאלטן שטארק מיט'ן אייבערשטן, געטראפן א טרייסט אין די הייליגע תורה, און זענען אויסגעוואקסן אזעלכע גרויסע גאונים וצדיקים.

אין לאנדאן האט ער פלייסיג געלערנט אין ישיבה "תורת אמת" פון הגאון ר׳ משה שניידער ז"ל, נאך זיין חתונה אין געיסטהעד האט ער ממשיך געווען דאס לערנען אין כולל וואס איז דאן געפירט געווארן דורך הגאון ר׳ אליהו דעסלער ז"ל, שפעטער האט הגאון ר׳ יצחק טובי׳ איבערגענומען ר׳ אליהו אלס ממלא מקום צו דינען אלס ראש הכולל. ווען ער האט ער זיך צוריק געצויגן קיין לאנדאן האט אים הגאון ר׳ אליקים שלעזינגער שליט"א אויפגענומען אלס מגיד שיעור אין "ישיבה הרמה" אין לאנדאן, אזוי אויך איז ער געווארן רב אין בית הכנסת "עץ חיים".

אין יאר תשכ"ז איז ער אריבער וואוינען קיין אנטווערפן, בעלגיע, דארט האט ער געדינט אלס מגיד שיעור אין ישיבת ווילרייק, אזוי אויך האט מען אים אויפגענומען אלס דיין אין די קהלה מחזיקי הדת, וואו ער האט געדינט דעם אייבערשטן און גע׳פסק׳נט שאלות פאר אידן פאר איבער פינף און דרייסיג יאר.

מיט ניינצן יאר צוריק, אום י"ד תמוז תשס"ג, ווען דער ירושלים׳ער רב הגאון הגדול רבי ישראל משה דושינסקי זצ"ל איז נסתלק געווארן, האט מען גערופן דעם גרויסן גאון פון אנטווערפן צו קומען קיין ירושלים איבערנעמען דעם גרויסן אמט און דינען אלס רב פון די "עדה החרדית" אין ירושלים עיר הקודש, א תפקיד וואס ער האט אויסגעפירט מיטן גרעסטן מאס שטארקייט, און האט געפירט די פולע מערכות פון די ערליכע אידן אין ארץ ישראל, און זיך נישט געשראקן פאר קיינעם.

דער גאב"ד האט געהאט א געוואלדיגע הערצה צום הייליגן רבי'ן און זיינע תלמידים, ער איז געווען זייער נאנט מיט אסאך ברסלב׳ע חסידים וועמען ער זייער מעריך און מחשיב געווען. מען האט געזען די גרויסע חביבות וואס ער האט געהאט צום הייליגן רבי'ן ווען ער האט אויסגענוצט יעדע געלעגנהייט וואס מען האט אים נאר גערופן צו באשיינען אין ברסלב, ווי ער פלעגט אלץ קומען מפאר זיין בראש. אזוי אויך יעדעס מאל ווען מחבלי כרמים האבן נאר פרובירט צו פירן מערכות קעגן הייליגן רבי'ן און זיינע תלמידים פלעגט ער זיך אלץ ארויסשטעלן בראש און זיך אננעמען פאר כבוד התורה, ער פלעגט אלץ זאגן אז ביי זיינע רבי׳ס וואו ער איז אויפגעוואקסן פלעגן זיך אלץ געפונען דעם רבינ'ס הייליגע ספרים אויפ'ן טיש צווישן די ספרים וועלכע זיי האבן געלערנט כסדר.

ווי שוין אויבן דערמאנט האט ער זיך געפונען אין א זייער שווערע מצב דעם פארגאנגענעם שבת קודש. און שבת קודש פארטאגס האט ער צוריק געקערט זיין נשמה צום כסא הכבוד במעמד פון פילע בני משפחה און רבנים פון די עדה החרדית וועלכע האבן אינאיינעם געזאגט די פסוקי יחוד.

זונטאג אינדערפרי איז פארגעקומען די לוי׳ אין ירושלים עיה"ק, צענדליגע טויזנטער ערליכע אידן זענען געקומען אפגעבן דעם כבוד האחרון פאר דעם גרויסן גאון וצדיק, בראש פון די רבנים הגאונים הצדיקים שליט"א וועלכע האבן מספיד געווען. דערנאך האט מען געפירט די מטה פונעם גאב"ד זצ"ל צום הר הזתים וואו ער איז געקומען למנוחת עולמים.

**וכל בית ישראל יבכו את השריפה אשר שרף ה׳!**

***

# זיצן אין ביהמ"ד היכל הקודש אין אומאן

טראץ אלע סארט נייעסן וואס מען הערט כסדר אהער און אהין, וועט מען יא קענען פארן אויף אומאן דאס יאר <<<<<<


# סימן טוב ומזל טוב

החתן **יוסי מערמעלשטיין** הי"ו
צו זיין שידוך שליסן עב"ג למזל טוב

***

מו"ה **שלמה שטראה** הי"ו
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

***

מו"ה **אברהם דאנציגער** הי"ו
צו די אפשערן פון **אליעזר שלמה** נ"י

# תשעה באב

פילע שיעורים אויף תשעה באב; מגילת איכה און ספר ירמיה פארגעלערנט; נוצט אויס דעם תשעה באב ריכטיג; בויעט צוריק אויף דעם בית המקדש

קול ברסלב

**212-444-9191**

**1, 1, 9, 9**

# חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי"ס, USB׳ס, SD׳ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 541152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 541152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**